# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:05
מוצאי שב"ק.....................9:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שופטים ט"ו-ט"ז
בבלי......................בכורות מ"ה
ירושלמי.............מעשר שני ב'
תוספתא.............סוכה פרק ד'
רמב"ם............פרה אדומה ח'

פרשת בחקותי, כ"ז אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ה', שנת תשע"ט לפ"ק | שנה 8, גליון 38 (398)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְגוֹ' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם.** מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דִי כֵּלִים עֵם מְקַבֵּל צוּ זַיין, דֶערִיבֶּער קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען הָאט אֱמֶת'דִיג בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, דַאן קוּמֶען דִי הַשְׁפָּעוֹת שְׁנֶעלֶער, מֶען בַּאקוּמְט עֶס אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, **"חֹק"** מֵיינְט אַ מִצְוָה וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען טוּט עֶס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֱמֶת'דִיג גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דַאן, **וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם "בְּעִתָּם"**, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע בְּרֶענְגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַר) פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זי"ע, אוֹיפְ'ן פָּסוּק, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם וְגוֹ'**, אוֹיבּ וֶועט אִיר פְרֶעגְן וָואס וֶועלְן מִיר עֶסְן אִין דִי שְׁמִיטָה יָאר, מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַיינְפְלַאנְצְן? זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וֶועל אַרַיינְשִׁיקְן אַ בְּרָכָה אִין דִי זֶעקְסְטֶע יָאר אַז עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין גֶענוּג פַאר דְרֵיי יָאר.

פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זי"ע אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן פָּסוּק צוּ זָאגְן דִי קֻשְׁיָא. פַארְקֶערְט, אַסַאךְ מָאל אִיז דָא אֵיין אִיבְּרִיגֶע אוֹת אִין פָּסוּק וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט פַארֶענְטְפֶערְט אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת. נִישְׁט פַארְקֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאל אַרוֹיס שְׁרַייבְּן דִי קֻשְׁיָא?

דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג שֶׁפַע פַארְן מֶענְטְשׁ אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת "פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן צוּ עֶסְן?" מִיט דֶעם הַאקְט עֶר אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי שֶׁפַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי תּוֹרָה וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת, נָאר עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן. וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת**, וֶועט עֶר מִיט דֶעם אָפְּהַאקְן דִי שֶׁפַע, **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי**, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְפְן פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי הַשְׁפָּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי אַ שְׁטִיקְל פְלֵייש פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵייש פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער עִיקָר זָאל אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף 'שִׂמְחָה', וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין מְמֵילָא אַלְצְדִינְג. אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז מָלֵא שִׂמְחָה מִיט וָואס עֶר הָאט יָא אוּן עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דָאס וָואס עֶר הָאט יָא. אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ זֶעט מֶען שְׁטֶענְדִיג וָואס מֶען הָאט נִישְׁט; אֲפִילוּ מֶען זָאל הָאבְּן כָּל טוּב רֶעדְט מֶען זִיךְ וַוייטֶער אָפּ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פָּאזִיטִיוו אוּן פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף שִׂמְחָה וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בְּחֻקּוֹתַי תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן זוּכְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בָּאמְבֶּע שִׁידוּךְ, אָבֶער אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן




***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַיין צֶענְטֶע זְמַן אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן סְ'אִיז מִיר שְׁוַוארְץ אוּן בִּיטֶער פַאר דִי אוֹיגְן.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן מִיר נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן? זֵיי זוּכְן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁידוּךְ אַז יֶעדֶער אִין שׁוּל זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶער מַצָּב דֶערְפוּן, אוּן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע פְּרָאפֶּעגַאנְדֶע, אִיךְ דַארְף אַ פָּשׁוּטֶער שִׁידוּךְ, אֵיינֶע וָואס אִיז גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט מִיר. אוּן סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר זֵיי.

סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מְ'הַאלְט שׁוֹין בַּיים צֶענְטְן זְמַן אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען אִיךְ בֵּייקוּמֶען דִי נִסְיוֹנוֹת. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיף הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, כְ'הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן זֵיי, אוּן סְ'גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק אִין לֶעבְּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי, כ"ב אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לפ"ק

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין גֶעשְׁרֵיי הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטְן.

דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא צַעַר וִוי דֶער צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. אַ בָּחוּר אִיז צֶעבְרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן כָּל זְמַן מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען אַ פְּלַג גוּף אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן דְלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, אִקְרֵי פְּלַג גּוּפָא", פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז הַאלְבּ, "וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתָר שְׁלִים", עֶס פֶעלְט דִי בְּרָכוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמְט נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה.

קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער; זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זַיינֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט. פוּן אֵיין זַייט וִויל עֶר זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, עֶר וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הַאלְט עֶר אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט וֶוערְט אִים גָאר בִּיטֶער; זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אִים חָרוּב, וּבְעִיקָר אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַאר וֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן זַיין הַארְץ, קֵיינֶער

<<<<<<

>>>>>>

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹי וִוי דִי פִּיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין לֶעבְּן, וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִיק אִיז, אַלְס גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סַיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

### וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סַיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

ווִידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁעְן, עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָּל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב') "הַמְבַעֵט בְּיִסוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ גְבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסוּרִין)

**אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן**

<<<<<<
געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה משה נתן שטיינער הי"ו מחשובי חסידי סקווירא בירושלים.

דער חתן איז א געטרייער איבערגעגעבענער תלמיד פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס אויסער זיינע גוטע מידות מיט וואס ער איז אויסגעצייכענט, האט דער חתן נ"י געהאט די זכיה צו האבן געענדיגט ש"ס צו זיין בר מצוה, און האט אויסגענוצט זיינע בחורישע יארן מיט'ן לערנען פלייסיג און האט שוין ביז יעצט זוכה געווען צו מסיים זיין 101 מאל משניות, 101 מאל מסכת תענית, אויסער זיינע פילע אנדערע שיעורים בכל מקצועות התורה. ווי אויך האט ער גאר שטארק צוגעהאלפן די ישיבה און די מוסדות אין פילע הינזיכטן.

דער חתן איז געווען גלייך נאך פסח ביי מוהרא"ש'ס ציון אין יבנאל און דארט אויסגעזאגט גאנץ תהלים, וואס ווי באקאנט האט מוהרא"ש ז"ע צוגעזאגט אז ער וועט זיך משתדל זיין מיט אלע זיינע כוחות צו טרעפן א שידוך פאר יעדע בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין ציון און אויסזאגן גאנץ תהלים לזכותו.

זאל דער אייבערשטער העלפן דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיי זאלן אויפשטעלן א שיינע ערליכע אידישע שטוב, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול חתן וקול כלה!**

***

## הערליכע סיום הש"ס אין ישיבה

צום דריטן וואך נאכאנאנד האבן מיר זוכה געווען מיטצוהאלטן א סיום הש"ס אין ישיבה. די וואך האבן די בחורים זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה פון ווען הבחור החשוב דוד נײשטיין נ"י האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

עס איז פארגעקומען א שיינע סעודה לכבודה של תורה, ביי די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם שיינע ניגונים, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט א דרשה, ער האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון אזא יונגער בחור, קוים בר מצוה געהאט, וואס האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און זוכה געווען צו א צלם אלקים, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז ווער ס'איז זוכה צו ענדיגן ש"ס באקומט א צלם אלקים, א ליכטיג פנים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פונעם הייליגן יום טוב שבועות וואס דערנענטערט זיך שוין, ווען מיר זענען זוכה צו מקבל זיין די הייליגע תורה, און יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, נאר אידן זענען דאך פאריאגט און פארפלאגט און נישט יעדער קומט אן צו לערנען, און נישט יעדער פארשטייט לערנען, און אזוי ווייטער איז דא פילע שטערונגען וואס מאכן אז מענטשן זאלן מיינען אז לימוד התורה איז נישט געמאכט געווארן פאר זיי; ווען מען פאלגט אבער דעם הייליגן רבי'ן, מ'נעמט דעם "סדר דרך הלימוד" פון רבי'ן, אז מ'קען זאגן די ווערטער פון תורה, אפילו מ'פארשטייט וואס מ'זאגט, דעמאלט קען יעדער זוכה זיין צו לערנען תורה יעדן טאג, און מיט די צייט באקומט מען א געשמאק אין די הייליגע תורה, און צוביסלעך פארשטייט מען מער און מער וואס מ'לערנט.

צום שלוס האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט אז יעדער זאל זיך אפלערנען פון דעם בחור, און אויך אנהויבן לערנען תורה יעדן טאג, וועט מען האבן א געשמאק און א סיפוק אין לעבן, און זוכה זיין צו אלעס גוטס.

נאכ'ן סיום איז דער עולם זיך צעגאנגען מיט א שטארקע התעוררות און התחזקות, זיך מחזק צו זיין ווייטער אין לערנען די הייליגע תורה מיט גרויס פלייס.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## "עצתו אמונה" צו באקומען אויף די פאסט

די שאלות ותשובות "עצתו אמונה" זענען שוין ברייט באקאנט ביים היימישן ציבור איבער דער גארער וועלט. די שאלות ותשובות האבן געמאכט גאר א גרויסע מהפכה אויף דער וועלט, דער ראש ישיבה שליט"א באקומט טעגליך גאר אסאך ווענדונגען פון איבעראל צו ענטפערן יעדן מיט זיין שאלה און זיין פראבלעם, אידן טרעפן זיך אסאך מאל אין א פלאנטער און א צרה וואס זיי ווייסן נישט וואו אהין זיך צו ווענדן, "וועמען קען מען פרעגן אזא שאלה?" - פרעגן זיי זיך, אידן זוכן איינעם וואס פון איין זייט וועט ער קענען פארשטיין וואס דער היינטיגער דור מאכט מיט, צו וויסן די אמת'ע רעאליטעט, און פון די אנדערע זייט זוכט ער אויך נישט צו באקומען פון דעם כבוד און געלט א.ד.ג., און דאס איז וואס זיי טרעפן ב"ה ביים ראש ישיבה שליט"א, וואס האט מקבל געווען פון מוהרא"ש ז"ע וויאזוי מ'דארף זיך באציען צו יעדן איד, און ארויסהעלפן יענעם, און זיך ארײנלייגן אין יענעמ'ס פראבלעם, און נישט קוקן אויף די אייגענע כבוד, נישט זאגן "אזא שאלה פאסט מיר נישט זיך צו באפאסן דערמיט", און נישט זוכן צו מאכן געלט אויף אידישע קינדער'ס צרות.

דא אינעם גליון ברענגען מיר יעדע וואך איין בריוו פון "עצתו אמונה", אבער יעדע וואך קומט ארויס מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף א קונטרס אין וואס עס איז צוזאמגענומען אלע בריוו פון די וואך, סיי די טעגליכע בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט יעדן טאג פאר אלע תלמידים און אנ"ש, סיי בריוו געשריבן פאר יחידים, און בעיקר די שאלות ותשובות, וואו עס ווערט געענטפערט אלע אקטועלע שאלות וואס מענטשן פרעגן אן ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן אין לעבן אין פארשידענע מצבים, און דאס ווערט געענטפערט מיט א קלארע דעת תורה און פראקטישן בליק, לויט'ן רבינ'ס עצות ווי אזוי מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש ז"ע.

דער וועכענטליכער קונטרס ווערט צעשפרייט דורך די מפיצים, און ווערט צוכאפט דורך אידן בכל מקומות מושבותיהם, וואס זענען זיך מחיה מיט די קלארע געשמאקע עצות אויף יעדן מצב. אויך איז דער קונטרס דא צו באקומען יעדן סוף וואך אין ישיבה, און ווי אויך ווערט עס ארויסגעשיקט אויף בליץ פאסט אויפ'ן פארלאנג.

לעצטנס איז געווארן א גרויסע פארלאנג פון אידן אז זיי ווילן עס קענען באקומען אין א געדרוקטן פארמאט אויף די פאסט, דעריבער איז מיט פרייד אויפגענומען די נייעס אז עס וועט אי"ה זיין צו באקומען פון היינט און ווייטער אויך אויף די פאסט. צו באקומען קען מען זיך פארבינדען אויפ'ן נומער 845-200-1732.

**עצתו אמונה פעולתו אמת!**

<<<<<<
פַּארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט, בִּיז עֶר וֶוערְט מְיוּאָשׁ אוּן פַּארְדְרֵייט מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט סַבְלָנוּת; הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן וַוארְט אוֹיס בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים, זֵיי וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן וְכוּ' וְכוּ' - דָאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן נִישְׁט פַּארְגֶעסְן אַז 'דַיין שִׁידוּךְ הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן'. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּעראַל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אוּן וַוארְט אוֹיס אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ וָואס וֶועט קוּמֶען גָאר שְׁנֶעל. בִּיז דֶערְוַוייל, בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים פַאר אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין הַארְץ וִוי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע זִינְד.

מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (עַיֵּין סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ד): "וְיֵשׁ מַלְאָךְ נוֹרָא עֶזְרִיאֵ"ל שְׁמוֹ", עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ אִין הִימְל וָואס זַיין נָאמֶען אִיז עֶזְרִיאֵ"ל, "שֶׁהוּא מְמוּנָּה עֲלֵיהֶם", עֶר אִיז מְמוּנָּה אַרוֹיף צוּ טְרָאגְן דִי תְּפִילּוֹת פוּן בָּחוּרִים וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וּבוֹנֶה מְשִׂיחָתָם וּתְפִלָּתָם הֵיכָלוֹת חֲדָשׁוֹת וְנִשְׁפַּע עֲלֵיהֶם אוֹר וָדַעַת וְשֶׁפַע וְחַיּוּת", עֶר נֶעמְט דִי תְּפִילּוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בּוֹיט דֶערְמִיט אִין הִימְל הֶערְלִיכֶע פַּאלַאצְן, אוּן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת אַ פְרִישֶׁע חַיּוֹת אוּן אַ פְרִישֶׁע מוּט.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהַרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּאַת מוֹהַרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן**
**זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.**

BreslevCenter.com\answers


**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**



## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (ל)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַ פִּדְיוֹן.**

### קמז

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מוֹפֵת אוּן אַ מַמְתִּיק דִינִים. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי צַדִיקִים מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וַוייל מְ׳דַארְף דָאךְ קֶענֶען אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן וֶוען מְ׳בְּרֶענְגְט זֵיי אַ פִּדְיוֹן, דַארְפְן זֵיי וִויסְן אִין וֶועלְכְן בֵּית דִין מְ׳אִיז יֶענֶעם דַן. סְ׳קֶען דָאךְ זַיין אַז מְ׳מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן מְ׳אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים בַּיי אֵיין בֵּית דִין, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז מֶען יֶענֶעם גָאר דַן אִין אַן אַנְדֶערְן בֵּית דִין. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען וִויסְן קוֹדֶם אִין וֶועלְכְן בֵּית דִין מְ׳אִיז יֶענֶעם דַן, אוּן דֶערְנָאךְ מַאכְן דֶעם פִּדְיוֹן אוּן הַמְתָּקָה דָארְט בַּיי יֶענֶעם בֵּית דִין".

"אָבֶּער אִיךְ" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "אִיךְ קֶען אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן אִיךְ קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַן אַפִּיעֶל פוּן אֵיין בֵּית דִין צוּם צְוֵוייטְן בִּיז צוּ אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג. דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ קֶען זָאגְן אַז סְ׳גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט דֶער פְּסַק פוּן דֶעם בֵּית דִין אוּן אִיךְ וִויל מְ׳זָאל עֶס מִשְׁפָּט׳ן אִין אַ צְוֵוייטְן בֵּית דִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער צוּ אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים. אוּן אַזוֹי וֶוערְט כָּאטְשׁ דֶערְוַוייל אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶער מִשְׁפָּט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן טוּט דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דָאס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס בַּיים מִשְׁפָּט.

"אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, קֶען אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ הֶעכֶערֶער אַפִּיעֶל, דָאס מֵיינְט צוּ שִׁיקְן דֶעם מִשְׁפָּט צוּם קֵייזֶער אַלֵיין, אוּן דָאס אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס מְ׳דַארְף טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, אוּן פוּן דֶעם וֵוייסְט נִישְׁט קֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר, אוּן בִּכְלַל הָאט נָאךְ קֵיינֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, וַוייל מְ׳דַארְף קֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי גַאנְצֶע בַּקָשָׁה אִין גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן כָּבוֹד פַארְ׳ן קֵייזֶער וִוי עֶס פַּאסְט, וַוייל מְ׳קֶען נִישְׁט שִׁיקְן קַיין לַאנְגֶע זַאכְן צוּם קֵייסֶער".

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וַוייל מְ׳קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין פִּדְיוֹן נָאר אוֹיבּ מְ׳וֵוייסְט וִוי אַזוֹי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיטְ׳ן שָׂעִיר הַמִשְׁתַּלֵחַ".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט וֶועגְן דֶעם עִנְיָן, "דָאס וָואס אִיר זֶעט אַז אִיךְ שְׁרַייבּ צוּמָאל עֶפֶּעס אַרָאפּ אוּן אִיךְ פַארְבְּרֶען דֶעם פַּאפִּיר; דֶעמָאלְט שִׁיק אִיךְ דִי זַאךְ דוּרְךְ דִי רוֹיךְ", אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט שׁוֹין מְרַמֵז גֶעוֶוען אַבִּיסְל וֶועגְן דֶעם אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ.

[וֶוען מְ׳טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, צוּ וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ אַזוֹי יוּנְג וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן זִיכֶער צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְּן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶערוּהט קַיין אֵיין סֶעקוּנְדֶע, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטִיגְן מֶער אוּן מֶער אִין עֲבוֹדַת ה׳.]

### קמח

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ׳אִיז אִים אַ וואוּנְדֶער אוֹיבּ מְ׳בְּרֶענְגְט פַאר אֵיינֶעם אַ פִּדְיוֹן אוּן מְ׳דֶערְצֵיילְט אִים אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע צַעַר, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז אֵיינֶער אִיז קְרַאנְק אוּן דָאס גְלַייכְן, אוֹיבּ יֶענֶער שְׁפִּירְט נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע צַעַר אוּן יִסוּרִים אַזוֹי וִוי דֶער חוֹלֶה אַלֵיין.

מְ׳הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי׳ן אַז וֶוען מְ׳קוּמְט צוּ אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַ קְרַאנְקְן, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע צָרָה, אַז עֶר שְׁפִּירְט טַאקֶע דִי זֶעלְבֶּע צַעַר אוּן יִסוּרִים אַזוֹי וִוי דֶער חוֹלֶה אַלֵיין.

מְ׳הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן אַסַאךְ מָאל אַז עֶר שְׁפִּירְט מִיט מַמָשׁ יֶעדֶע צַעַר וָואס מְ׳דֶערְצֵיילְט אִים. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, "אִין אָנְהוֹיבּ פְלֶעג אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל סְ׳פְלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אַמָאל אַז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶערְצֵיילְן אַ צָרָה אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי צַעַר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. יֶעצְט אָבֶּער, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט מִיר דֶערְצֵיילְן אַ צַעַר, שְׁפִּיר אִיךְ דֶעם צַעַר נָאךְ מֶער פוּן יֶענֶעם אַלֵיין, סְ׳טְרַאפְּט מִיר מַמָשׁ בְּלוּט פוּן גְרוֹיס צַעַר. דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶען נָאךְ טְרַאכְטְן אַמָאל פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן אַזוֹי פַארְגֶעסְן פוּן זַיין צַעַר, אִיךְ קֶען עֶס אָבֶּער נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְצַעֵר נָאךְ מֶער פוּן אִים אַלֵיין".

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְגֶעסְן פוּן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ? יֶעדֶער פוּן אַייךְ הָאט דָאךְ אַ פְּלַאץ בַּיי מִיר אִין הָאַרְץ!"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## זעקסטע פריליכע "רייכע" חתונה אין ביהמ"ד, קאסט נישט קיין פרוטה פאר די מחותנים

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג, ל"ג בעומר, איז געגאנגען אונטער די חופה החתן ישראל סאמעט הי"ו בן מו"ה שלמה הי"ו, עב"ג בת מוה"ר דניאל בוים שליט"א. די פרייליכע חתונה איז פארגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, וואו א שיינע ציבור משפחה און באקאנטע זענען זיך צוזאם געקומען; נישט זיך צו פרייען מיט׳ן רייכן בענד, אדער מיט די טייערע סטעיק א.ד.ג., נאר זענען געקומען זיך מיטפרייען מיט די גרויסע שמחת חתן וכלה, וואס האבן יעצט זוכה געווען אויפצושטעלן זייער נייער שטוב.

די חתונה - אזוי ווי די פריערדיגע 5 חתונות אין ישיבה - איז פארגעקומען אויפ׳ן פשוט׳סטן אופן וואס שייך, אבער די שמחה וואס איז געווען ביי די חתונה האט מען פאר קיין געלט אויף דער וועלט נישט געקענט קויפן, בשעת עס האט אין מציאות נישט געקאסט קיין איין צענט פאר די מחותנים.

צוערשט איז מען זיך צוזאם געקומען צום קבלת פנים אין בית המדרש, וואו מען האט געזונגען שיינע ווארימע ניגונים. די געהויבענע חופה איז פארגעקומען אין הויף פון בית המדרש, און בשעת די חופה האבן די בחורים אנגעגרייט די סעודת החתונה אין בית המדרש. נאך די חופה איז מען אריינגעקומען אין בית המדרש, וואו עס איז געווען אנגעגרייט בילקעלעך, פיש און דיפס, און אין די זייט איז געווען ווארימע עסן, וואס יעדער האט געקענט נעמען וואס און וויפיל ער האט געוואלט לויט זיין באגער.

די עסן ביי די חתונה איז צוגעשטעלט געווארן דורך די פרויען פון אנשי שלומינו, איינע די פיש, א צווייטע די קוגלען, א דריטע די דיפס און סאלאטן, און אזוי ווייטער. און די פליישן ווערט צוגעשטעלט דורך די "בית התבשיל" פון די קהלה. און דאס אלעס ווערט צוגעשטעלט אין פלאסטיק געשיר פון די ישיבה.

ביי די חתונה איז נישט געווען קיין שום באצאלטע סארווירער אדער רוימער. ביי די מענער האבן די בחורים פון ישיבה צוגעגרייט און אראפגערוימט, און די זעלבע ביי פרויען האבן די מיידלעך פון די סקול געטוען די אלע ארבעט. און א פרוי פון אנשי שלומינו האבן גענומען די בילדער ביי די פרויען.

די ריכטיגע שמחה האט זיך אנגעהויבן ווען דער חתן איז אריינגעקומען, ווינועו אמות הסיפים, די טענץ און די שמחה איז געווען נישט צום באשרייבן, און ווען איינער האט געזוכט די "7 מען בענד" וואס האט געשפילט אזוי שיין האט ער עס בשום אופן נישט געקענט טרעפן, ווייל די גאנצע מוזיק איז געווען נישט מער פון א פשוטער טעיפ פון א רעקארדירטע טייערע חתונה, וואס יענע ארימע מחותנים בעלי חובות האבן נעבעך אריינגעלייגט א שיינע פאר טויזנט דאלער פאר די מוזיק, אבער האט דא משמח געווען ביי די רייכע חתונה אן קיין פרוטה אחת.

די מצוה טאנץ איז צוגעגאנגען מיט׳ן וואויל באקאנטן "יעמוד יעמוד" סיסטעם, וואס האט גענומען נישט מער פון א האלבע שעה, ווען די זיידעס, מחותנים, און חתן כלה האבן געטאנצט די ריקודין לפני הכלה.

ווען די חתונה איז פארטיג געווארן, א פערטל צו עלף, איז יעדער אהיים געגאנגען פרייליכערהייט, און צו די זעלבע צייט זענען אויך די חתן כלה און די מחותנים יעדער אהיים צו זיך מיט פרייליכע געמיטער און א גרינגע געוויסן, וויסנדיג אז מען האט נישט געבארגט אדער געשנארט פאר די פרייליכע חתונה קיין איין דאלער, און מ׳איז נישט געווארן קיין בעל חוב צוליב חתונה מאכן.

פילע משפחה מיטגלידער האבן זיך אויסגעדרוקט אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט מיטגעהאלטן אזא פרייליכע לעבעדיגע חתונה, און צו וואס פעלט טאקע אויס צו פארשווענדן אידיש געלט אומזיסט?

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, און כמותם ירבו בישראל, עס זאל צוריק קומען די ריכטיגע געשמאק ביי א אידישע שמחה, ווען מ׳פרייט זיך אז מ׳איז זוכה אז נאך א פארפאלק שטעלט אויף א ערליכע אידישע שטוב אזוי ווי דער אייבערשטער וויל, מ׳זוכט נישט צו געפעלן פאר מענטשן נאר מ׳טוט דעם אייבערשטנ׳ס רצון, וואס דאס האט אלע חן אויף דער וועלט.

**קול מצהלות חתנים מחופתם!**

***

## שיינע שידוך פון א תלמיד הישיבה

מיט גרויס שמחה האבן אנשי שלומנו אויפגענומען די בשורה פונעם שידוך שליסן פון הב׳ משה ראזענבערג נ"ו בן מו"ה יצחק הי"ו, פון די לאנגיעריגע תלמידים פון מוהרא"ש זי"ע, וואס איז א חתן

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן משה ראזענבערג הי"ו
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים. מיט סייעתא דשמיא

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876